**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 8/18/2022** **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף פארפלייצונג שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט אין דזשעפערסאן קאונטי**

***כמעט 4 מיליאן דאלאר צו בויען נייע סטרוקטורן פאר שיפן צו אנקערן און ארויספארן, טרעילס צו שפאצירן און פארפלייצונג פארמיידונג מאסנאמען אין אלעקסאנדריע בעי און אלעקסאנדריע טאַון***

***טייל פון ניו יארק סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

***ערגענצט $618,000 פון סטעיט דעפארטמענט לאקאלע וואסער ברעגע אויפלעבונג גרענט***

***בילדער פון שאדנס פאראורזאכט דורך פאריגע פארפלייצונגען זענען פארעפנטליכט [דא]()***

***בילדער פון די געשעעניש זענען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף א רייע פון פארפלייצונג שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן אין דזשעפערסאן קאונטי. די פיר פראיעקטן וועלכע ווערן יעצט אנגעהויבן אין אלעקסאנדריע טאַון און אין אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש זענען צוגעטיילט געווארן איבער 3.8 מיליאן דאלאר אין גרענט געלטער דורך די סטעיט'ס לעיק אָנטאַריאָו [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)]().

"פילע קאמיוניטיס אויף די וואסער ברעגעס לענגאויס לעיק אָנטאַריאָו און סעינט לאורענס ריווער האבן זיך פארמאסטן מיט געוואלדיגע שוועריגקייטן צוליב שטארקע פארפלייצונגען און שטורעמעס וואס האבן אנגעזייעט חורבנות, און די פראיעקטן וועלן זיי העלפן צוריק אויפבויען בעסער, קלוגער און מער שטאנדהאפטיג פון סיי ווען בעפאר", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען גאר קאנצעטרירט אויף דאס צופאסן און באפעסטיגן אונזער סטעיט'ס אינפראסטרוקטור צו זיין גרייט פאר סיי וועלכע איבערראשונגען וואס די נאטור האט פאר אונז. די פראיעקטן וועלכע ווערן היינט אנגעהויבן אין אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש און אין אלעקסאנדריע טאַון וועלן באשיצן די קאמיוניטיס פון צוקונפטיגע שטורעמעס און הויכע וואסער שטאפלען, העלפנדיג פארזיכערן זייער וואוילזיין פאר צוקונפטיגע דורות."

"נאכפאלגנדיג גרויסע פארפלייצונגען לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער און לעיק אָנטאַריאָו, האט ניו יארק אונטערגענומען שריט דורכן ארויסקומען מיט די באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "אלץ טייל פון די איניציאטיוו, האבן מיר היינט אנאנסירט פיר נייע פראיעקטן וועלכע וועלן פארבעסערן די סטרוקטורן וואו די שיפן אנקערן און די וואסער ברעגעס אין אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש און אין אלעקסאנדריע טאַון און וועלן פארקלענערן די סכנה פון צוקונפטיגע שאדנס."

אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש און אלעקסאנדריע טאַון זענען אריבערגעגאנגען שרעקליכע פארפלייצונגען אין 2019, ווען די וואסערן אין לעיק אָנטאַריאָ און אין די סעינט לאורענס ריווער האבן זיך געהויבן צו היסטארישע שטאפלען. די ברייטע פארפלייצונגען האבן רעזולטירט אין באדייטנדע שאדנס סיי צו די טאַון'ס און סיי צו די ווילעדזש'ס פובליק אינפראסטראקטור, אריינרעכנענדיג סטרוקטורן וואו שיפן אנקערן, וואו שיפן פארן ארויס און וואסער רייניגונג איינריכטונגען. די פארמאכונגען פון די סטורקטורן פאר די שיפן צו אנקערן איז געווען שווער פאר די קאמיוניטי וואס בליהט אויף א טוריזם-באזירטע עקאנאמיע און פארלאזט זיך אויף שיפלער וואס קומען פאר פארוויילונג און צו כאפן פיש וועלכע באזוכן די ראיאן. אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש איז צוגעטיילט געווארן א סך הכל פון 3.36 מיליאן דאלאר דורך די REDI קאמיסיע פאר דריי פראיעקטן. אלעקסאנדריע טאַון איז צוגעטיילט געווארן $455,000 צו פארענדיגן זייער REDI פראיעקט. די היינטיגע אנאנס רעכנט אריין:

1. **אויבערשטע און אונטערשטע James Street שיף אנקערס, 2 מיליאן דאלאר:** די אויבערשטע און אונטערשטע James Street שיף אנקערס זענען א קריטישע פונקט פאר צוטריט אריין אין אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש, נישט נאר פאר די איינוואוינער פון די אומגעפער 20 אינזלען אין די ווילעדזש גרעניצן, נאר אויך פאר איינוואוינער פון אינזלען און ברעגעס אין געגנטער אינדרויסן פון די ווילעדזש גרעניצן. די שיף אנקערס דינען אלץ אן אריינגאנג פאר באזיכער און טוריסטן צוגלייך פון די סעינט לאורענס ריווער אלץ די הויפט אריינגאנג פאר די וועלכע קומען אן דורך א שיף, ערלויבנדיג דירעקטע צוטריט צו די James Street ביזנעס דיסטריקט. דורכאויס די פארפלייצונגען פון 2019 זענען די שיף אנקערס געווען אונטערן וואסער און נישט צוגענגליך פאר שיפלער. צו זיכער מאכן אז די אנקערס בלייבן אפן דורכאויס צוקונפטיגע צייטן פון הויכע וואסער שטאפלען, וועלן די גאנצע אונטערשטע James Street שיף אנקער און א טייל פון די אויבערשטע James Street אנקער ערזעצט ווערן מיט א נייע שווימנדע אנקער סיסטעם. די איבעריגע חלק פון די אויבערשטע James Street שיף אנקער וועט געהעכערט ווערן העכער פון פארפלייצונג שטאפלען.

2. **Scenic View Park אנקער, 1.1 מיליאן דאלאר:** די ווילעדזש'ס Scenic View Park איז א דריי-אקער-גרויסע פובליק פארק וואס געפונט זיך אויף די ברעגעס פון די סעינט לאורענס ריווער, און רעכנט אריין א אפענע פאוויליאן, א פובליק ברעגע, א קאמיוניטי שפיל ארט און אזוי אויך א צעמענטענע אנקער סטרוקטור לענגאויס דעם טייך. די סטרוקטור איז 200 פיס לאנג און איז איינס פון די גרעסטע אנקער לאקאציעס אין די קאמיוניטי, זייענדיג די איינציגסטע פובליק לאקאציע אין אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש וואס קען אקאמאדירן גרעסערע שיפן און קרוז שיפן. אין 2019 איז די סטרוקטור געווען אינגאנצן אונטערן וואסער, פאראורזאכנדיג די סטרוקטור צו ווערן שווער געשעדיגט אין עטליכע ערטער, מאכנדיג טיילן פון די סטרוטור אומנוצבאר. דורך די REDI פראגראם וועלן טיילן פון די סטרוקטור פארראכטן ווערן אדער גענצליך ערזעצט ווערן, פארמינערנדיג צוקונפטיגע שאדן און ערלויבנדיג אנגייענדע באנוץ ווען וואסער שטאפלען זענען העכער די דורכשניט. דער פראיעקט וועט אויך אריינרעכענען נאך פארבעסערונגען אויפן ארט, אריינרעכנענדיג נייע צעמענטענע וועגן צו שפאצירן, אינסטאלירן אן עלעוועיטאר פאר ווילטשעירס און וועגעלעך וואס קומט נאך די סטאנדארטן פון דעם אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ (Americans with Disabilities Act) און באלייכטונג לענגאויס די אנקער סטרוקטור און די וועג פאר פיסגייער.

3. **ווילעדזש וואסער רייניגונג איינריכטונג, $260,000:** אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש'ס וואסער רייניגונג איינריכטונג שטעלט צו טרונקן וואסער פאר קאמערציעלע פראפערטיס, די ריווער שפיטאל און פאר איינוואוינער פון די ווילעדזש ווי אויך זעקס דרויסנדיגע וואסער דיסטריקטס אין אלעקסאנדריע, ארליענס, קלעיטאן און טעריסע טאַונס. צוליב די נאענטקייט צו די סעינט לאורענס

ריווער, קומט די וואסער רייניגונג איינריכטונג אן צו אינטשעס אוועק פון ווער פארפלייצט אין צייטן ווען די וואסער שטאפלען זענען הויך. סיי די רייניגונג איינריכטונג און סיי די קוואל וואו די וואסער זאמלט זיך אן זענען אויסגעשטעלט צו כוואליעס וועלכע שטייגן גרינגערהייט איבער די צוויי פיס הייעך, איבערפילנדיג די קוואל. פארפלייצונג פון די אפלויף קוואל און פון די וואסער רייניגונג איינריכטונג וואלטן געשעדיגט די קוואליטעט און מאס פון די וואסער. מאסנאמען צו פארקלענערן די סכנה פון פארפלייצונג פאר דעם פראיעקט רעכנענען אריין אינסטאלירן א נייע שטיק בעטאן אין די וואסער רייניגונג איינריכטונג כדי די עמטליכע הייעך פון די ערד זאל זיין העכער פון די היסטארישע הויכע-וואסער שטאפלען. א נייע פון-פאראויס געגאסענע צעמענטענע טייל וועט צוגעלייגט ווערן צו די אפלויף קוואל אזוי אז עס זאל זיין העכער פון הויכע וואסער שטאפלען. דער פראיעקט רעכנט אויך אריין די אינסטאלאציע פון 'ריפּ-רעפּ' שטיינדלעך וואס באשיצן די וואסער רייניגונג איינריכטונג פון כוואליעס און עס רעכנט אויך אריין פארבעסערונגען צו די דרויסנדיגע וואנט.

4. **Goose Bay סטרוקטור פאר שיפלעך ארויסצופארן, ‎$455,000:** אלעקסאנדריע טאַון איז די אייגנטומער און אויפהאלטער פון די Goose Bay סטרוקטור פון וואו שיפלעך פארן ארויס. די סטרוקטור איז פאפולער צווישן איינוואוינער און באזוכער פון Goose Bay און אזוי אויך פענגער און פישכאפער, צוליב די גרינגע צוטריט צו די סעינט לאורענס ריווער. די שיף ראמפע איז געווען אונטערן וואסער אלץ רעזולטאט פון הויכע טייך שטאפלען אין 2019 און קען נישט גענוצט ווערן דורכאויס צייטן ווען די וואסער איז הויך צוליב די נידעריגע הייעך צווישן די וואסער און די סטרוקטור. אויך דורכאויס צייטן ווען די וואסערן זענען נידעריג איז די שיף ראמפע נישט גענוג ווייט אריין אין די וואסער צו קענען זיכערערהייט ארויסלאזן שיפלעך, און ביי די ענדע פון די ראמפע איז די וואסער צו נידעריג און דארף ווערן פארטיפט פון אונטן. באפעסטיגונג מאסנאמען וועלכע וועלן דורכגעפירט ווערן ביי די Goose Bay סטרוקטור רעכנענען אריין העכערן די צעמענטענע וואנט ארום די ראמפע, ארויסגראבן פון די אונטן פון די טייך ביי די ענדע פון די ראמפע עס צו מאכן טיפער און אויך אינסטאלירן א נייע שיף ראמפע. אין צוגאב וועט די עקזיסטירנדע פארקינג פלאץ פארגרעסערט ווערן און א וועג פאר פיסגייער וועט אויסגעפלאסטערט ווערן.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און REDI קאמיסיע קאָו-טשעיר בעזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "אלעקסאנדריע בעי איז א ראיאנישע אוצר וואס ציהט צו איינוואוינער און באזיכער צו די שיינקייט און רייכקייט פון אירע וואסערן. מיט די זעלבע וואסערן אנבערענגענדיג גרויסע שאדנס צו די קאמיוניטיס אויף די ברעגעס דורכאויס די גאנצע ראיאן, האט ניו יארק סטעיט אונטערגענומען שריט דורך REDI צו העלפן באשיצן היימער, ביזנעסער און קריטישע פארמעגן פון די לאקאלע רעגירונגען ווי צום ביישפיל פארקס, וואסער אינפראסטראקטור און פארטן וואס ווערן געשעדיגט דורך רעקארד-הויכע וואסער שטאפלען. די נייעסטע פראיעקטן וואס ווערן יעצט אנגעהויבן וועלן פארמערן די באפעסטיגונג פון די ראיאן און זענען אן עדות צו ניו יארק'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו בויען שטערקערע און מער קלימאט-שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער און לעיק אָנטאַריאָו."

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט ראדריגעז האט געזאגט,** "אזוי ווי פילע אנדערע קאמיוניטיס וועלכע שטייען נעבן א לעיק, זענען אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש און אלעקסאנדריע טאַון נישט קיין פרעמדע צו עקסטרעמע פארפלייצונגען וואס ווערן פאראורזאכט דורך די הויכע וואסערן פון לעיק אָנטאַריאָו. די REDI-פינאנצירטע פראיעקטן וועלן שטיצן טוריזם און דרויסנדיגע פארוויילונג און פארזיכערן אז די סטעיט דעפּארטמענט'ס אינוועסטירונגען דורך אונזער לאקאלע וואסער ברעגעס אויפלעבונג פראגראם (Local Waterfront Revitalization Program) פארבעסערט צוטריט צו און פון די ברעגעס און די ווילעדזש שטאטישע געגנטער."

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט ( Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידעוענט און CEO מאורין א. קאלמאן האט געזאגט,** "שטיצן און באשיצן די ווילעדזש'ס וואסער רייניגונג איינריכטונג האט די העכסטע וויכטיגקייט פאר די פובליק געזונטהייט פון איינוואוינער און די טוריזם אינדוסטריע וואס בליהט אין אלעקסאנדריע בעי. די EFC איז שטאלץ צו פאראויס רוקן די קריטישע וואסער רייניגונג איינריכטונג פראיעקט מיט א גרענט פון $260,000 צו העלפן זיכער מאכן אז די ווילעדזש איז בעסער גרייט פאר צוקונפטיגע פארפלייצונגען. די עררייכונג פאר דעם פראיעקט וואס איז געלייגט געווארן אלץ פריאריטעט דורך לאקאלע פירער און איז היינט אנאנסירט געווארן ווייזט אויף גאווערנער האקול'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו העלפן ניו יארק'ס ברעגע קאמיוניטיס זיך צוריקצובויען שטערקער און מער שטאנדהאפטיג נאך א סעריע געשעעניש פון הויכע וואסער שטאפלען. דורכן צושטעלן גרענטס פאר ניו יארק סטעיט לאקאלע רעגירונגען אין שטיצע פון די גאווערנער'ס REDI פראגראם, קען די EFC ארויסהעלפן צו באשיצן די קריטישע אינפראסטראקטור וואס ביישטייערט צו די לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע ברעגעס."

**סטעיט סענאטאר פעטי ריטשי האט געזאגט,** "אלעקסאנדריע בעי איז איינס פון די הויפט דעסטינאציעס אין די 'טויזנט אינזלען', צושטעלנדיג ענדלאזע געלעגנהייטן צו שיפלען, כאפן פיש, געניסן פון די ווילעדזש'ס שטאטישע געגנטער אדער פשוט אריינגעמען די אטעם-פארכאפנדע פאנאראמע לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער. איך בין דאנקבאר פאר די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין די וויכטיגע פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן מער איינוואוינער און באזיכער געניסן פון אלעס וואס די געגנט האט צו אפפערן."

**אסעמבלי מיטגליד מארק וואַלטשיק האט געזאגט,** "אלץ די אריינגאנג צו די פארנט הויף פון אמעריקע, איז Alex Bay אן עקאנאמישע און קולטורישע צענטער וואס איז אויך א היים צו די שווער-ארבעטנדע בירגער פאר וועם עס קומט זיך די פארבעסערטע סערוויסעס, אזוי ווי די פארבעסערונגען צו די וואסער רייניגונג איינריכטונגען און די בארטן מיט די פארבעסערטע שיף ראמפע, קאיאק ארויסלאזונג און אנקער סיסטעם וואס ווערן געמאכט ביי Goose Bay, די אויבערשטע און אונטערשטע James אנקער סטרוקטור און ביי Scenic View Park אנקער סטרוקטור. די סארטן REDI פראיעקטן זענען א קלוגע אינוועסטירונג פאר די צוקונפט און הצלחה פון אונזער ראיאן."

**דזשעפערסאן קאונטי טשעירמאן וויליאם דזשאנסאן האט געזאגט,** "דורך דעם REDI פראגראם זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו ווידערהאלן זייער איבערגעגעבנקייט צו אונזער ראיאן. יעדע פון די פראיעקטן וועלכע ווערן היינט אנגעהויבן האבן א באדייטנדע ווירקונג אויף די טוריסט-געטריבענע קאמיוניטיס, העלפנדיג צו זיכער מאכן אז די אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש און אלעקסאנדריע טאַון קענען פארזעצן צו בליהען אפילו אין צייטן פון הויכע וואסערן און פארפלייצונגען."

**אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש מעיאר סטיווען דזשארוויס האט געזאגט,** "אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש ציהט צו באזיכער צו די געגנט פון נאענט און ווייט. אונזער קאמיוניטי און אירע ביזנעסער זענען אנגעוויזן אויף די טוריזים אקטיוויטעטן. ווען אונזער ברעגע אינפראסטראקטור איז אומנוצבאר אזוי ווי עס איז געווען דורכאויס די פארפלייצונג פון 2019, האט עס א נעגאטיווע ווירקונג אויף די גאנצע ראיאן. מיר זענען דאנקבאר פאר די שותפות מיט די סטעיט און פאר די שטיצע פון די REDI מאנשאפט, העלפנדיג צו זיכער מאכן אז קריטישע אינפראסטראקטור ווי די אויבערשטע און אונטערשטע James Street אנקער סטרוקטורן און די Scenic View Park סטרוקטור בלייבן אפן און צוגענגליך אפילו אין צייטן ווען די וואסער איז הויך."

**אלעקסאנדריע טאַון סופערווייזאר ברענט סוויט האט געזאגט,** "דער Goose Bay שיף ראמפע פראיעקט רעכנט אריין גאר וויכטיגע פארבעסערונגען פאר אלעקסאנדריע טאַון איינוואוינער און באזיכער וועלכע באנוצן זיך מיט די סעינט לאורענס ריווער און Goose Bay ברעגעס דורכאויס די גאנצע יאר. אין

דעם פרילינג, זומער און הערבסט איז די ברעגע פון דעם טייך געווען פול מיט שיפלער פאר פארוויילונג און פישכאפער. אין ווינטער חודשים ווערט די איינריכטונג גענוצט פאר ווינטער ספארטס שפילן און פאר נאטור אוואנטורער וועלכע געניסן פון גלעגנהייטן פון פישעריי אויף אייז, פארן אויף סנאָומאָבילס, קראָס-קאָנטרי סקי און נאך פיל זאכן וואס גייען פאר אויף Goose Bay. די בירגער וועלכע צאלן שטייערן און די אלגעמיינע פובליק האבן שטארקערהייט אויסגעדרוקט זייער שטיצע פאר דעם פראיעקט און די באשטאנדטיילן דערפון, און מיר זענען באגייסטערט צו זעהן דעם פראיעקט אונטערוועגס."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט׳ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגס אדער פארענדיגט, אריינגערעכנט 56 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 37 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 41 פארענדיגטע פראיעקטן.

אלעקסאנדריע טאַון און אלעקסאנדריע בעי ווילעדזש זענען אויך צוגעטיילט געווארן $618,000 דורך אן ענווייראנמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EFP) גרענט וואס ווערט פארטיילט דורך די סטעיט דעפארטמענט לאקאלע ברעגעס אויפלעבונג פראגראם און וועט ערגענצן די REDI פראיעקטן. די לאקאלע רעגירונגען האבן דעזיינט און אינסטאלירן יעצט פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון די געסער, ווי צום ביישפיל פארברעכטונגען צו די סיידוואלקס, בענק, באלייכטונג, מיסט קאנטעינערס און ביציקל רעקס לענגאויס עטליכע געסער (James Street ,Church Street ,Fuller Street און Anthony Street און Walton Stree), די Scenic View Park און Captain Thomson Park וועלכע זענען ביידע פובליק אייגנטום און די ווילעדזש רעגירונג'ס אפיס, צווישן אנדערע. די פארבעסערונגען זענען ערווארטעט צו פארשטערקערן די פארבינדונג צווישן די וואסער ברעגעס און די ווילעדזש'ס שטאטישע געגנט. פארברעכטונגען און פארבעסערונגען זענען אויך אונטערוועגס פאר די צוויי אנקער סטרוקטורן און שיף ארויסלאזונג סטרוקטורן וועלכע געפונען זיך אויף Holland Street און Crossman Street, וועלכע וועלן פארבעסערן פארעלטערטע און חרוב'ע אינפראסטראקטור. צוזאמען וועלן די פראיעקטן שטערקער פארבינדן די ווילעדזש'ס שטאטישע געגנט צו די נייע וועג פאר פיסגייער לענגאויס די ברעגע, ערמעגליכנדיג אנטוויקלונג פון שטאנדהאפטיגקייט מאסנאמען, פארבעסערנדיג צוטריט צו דעם טייך, פיסגייער-פריינטליכקייט און איינריכטונגען פאר לאקאלע איינוואוינער, ביזנעס אייגנטימער און טוריסטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט [דא](#).

###